אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יַעְזֹרוּ וּלְאָחִיו יֹאמַר חֲזָק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

גליון ג
פרשת פנחס תש"פ

# קאראנע קאראנע, וואס??? קען מען טון!!!

משה פארוואס ביסטו אזוי פאר'דאגה'ט? פרעגט אים חיים, זאגט אים משה, וואס הייסט פארוואס, דו ווייסט נישט אז אין ארץ ישראל קומט די קאראנע ווירוס צוריק, און אפילו אין אמעריקע זענען דא אסאך שטעט וואס די ווירוס קומט צוריק, איך קען שוין נישט מער, ס'איז צו סאך...

## איך מוז טרעפן א סגולה...

אז מ'זאל שוין פטור ווערן פון די קאראנע ווירוס. משה וואס איז דיין פראבלעם? ס'איז דאך דא אזוי סאך סגולות, תהלים כולל... חצות כולל... קופת העיר... וועד הרבנים... מ'דארף נישט זוכן קיין סגולות. ניין חיים, דו פארשטייסט נישט, די אלע סגולות זענען זייער חשוב [און ס'איז באמת חשוב], אבער איך זוך א סגולה וואס איז ספעציעל פאר א מגיפה רח"ל. משה איך האב א סגולה וואס איז געאייגנט פאר א מצב פון א מגיפה. האסט שוין געלערנט חומש-רש"י די וואך? נישט קיין סאך נאר פון אנפאנג. בסדר קען איך דיר פרעגן איין קשיא? יא פרעגן קען מען אייביג. בסדר, זאג מיר, כלל ישראל איז געווען אין א סכנה, ס'איז געווען א מגיפה רח"ל...

## וואס האט אפגעשטעלט די מגיפה?

וואס הייסט חיים? ס'איז דאך א קלארע פסוק, אז דורכדעם וואס פינחס האט גע'הרג'עט זמרי בן סלוא און כזבי בת צור, האט ער געראטעוועט כלל ישראל. משה, נו, האסטו שוין די תירוץ, וואס עס קען אפשטעלן א מגיפה. חיים, דו ווייסט וואס דו זאגסט.......

## וועמען??? ווילסטו אז איך זאל הרג'ענען!!!!

משה, דו דארפסט קיינעם נישט הרג'ענען. איך וועל דיר מסביר זיין וואס איך מיין. אבער פארדעם וויל איך דיר פרעגן נאך איין קשיא. נו חיים, לאמיר שוין הערן די צווייטע קשיא. איך פארשטיי נישט די ערשטע רש"י. אקעי בסדר, לאמיר הערן וואס באדערט דיר חיים, רש"י הק' זאגט אז די סיבה פארוואס די פסוק שרייבט פינחס בן אלעזר בן אהרן הכהן, איז, ווייל די שבטים האבן אים פארשעמט און געזאגט, גיב א קוק, זיין זיידע האט געדינט עבודה זרה, און ער גייט און הרג'עט א נשיא בישראל, וועגן דעם איז געקומען די פסוק און געזאגט אז ער איז אן אייניקל פון אהרן הכהן.

## האבן דען די אידן נישט געוויסט אז ער איז אן אייניקל פון אהרן הכהן???

זיי האבן זייער גוט געוויסט אז ער איז אן אייניקל פון אהרן הכהן, נאר זיי האבן אים געוואלט טשעפענען אז דיין זיידע איז געווען אן עובד עבודה זרה, און דו גייסט און דו הרג'עסט א נשיא פון כלל ישראל. איז וואס העלפט מיר אז די פסוק שרייבט אז ער איז געווען אן אייניקל פון אהרן הכהן? זיי האבן דאך זייער גוט געוויסט!!! נאר זיי האבן אים געוואלט טשעפענען אז ער איז אן אייניקל פון יתרו, אן עובד עבודה זרה, און דא ווערט ער א גאנצער פרומער, ער הרג'עט א נשיא, איז וואס העלפט עס אז די פסוק שרייבט אז ער איז אן אייניקל פון אהרן, זיי האבן דאס אויך געוויסט, נאר זיי האבן אים פשוט געוואלט טשעפענען אז ער איז אן אייניקל פון יתרו, און דאס איז אמת, איז וואס העלפט מיר אז ער איז אויך אן אייניקל פון אהרן...

## דו ווייסט משה ווער עס פרעגט די קשיא???

די הייליגע אגרא דכלא פרעגט די קשיא, זאל איך דיר ברענגען די ספר? פרעגט חיים, הלוואי וואלט דא געווען אביסל ספרים, זאגט משה. ס'איז אלעס געבליבן אין אונזער קעמפ וואס מיר נוצן יעדעס יאר, אבער וויבאלד אין די מצב קענען מיר נישט דארט זיין, ממילא איז נישט דא דא דער ספר.

## בסדר זאג מיר וואס שטייט דארט...

פאר איך גיי דיר זאגן וואס עס שטייט דארט, וויל איך דיר דערציילן א מעשה... אה, חיים, א מעשה איז אייביג אינטערעסאנט. נו דערצייל, א איד האט געבויט זיין סוכה, און צום סוף האט ער געזען אז עס פעלט אים אפאר קלייניקייטן צו קענען ענדיגן בויען די סוכה. האט ער גערופן זיין קינד און געזאגט: **ביטע גיי צום לאמבער-יארד, און קויף וואס איך בעט דיר**. איז ער געגאנגען, און דער טאטעווארט. עס גייט אדורך א שעה..... און נאך א שעה..... און דאס קינד איז נאכנישט צוריק... **נאך דריי שעה קומט ער אהיים, און דער טאטע פרעגט אים פארוואס האט עס געדויערט אזוי לאנג?** ענטפערט דאס קינד, טאטע באלד וועסטו פארשטיין, פרעגט אים דער טאטע, און וואו זענען די זאכן וואס איך האב דיר געבעטן צו קויפן, זאגט דאס קינד, זיי וועלן עס באלד דעליווערן.

**וואאאאססס? פרעגט דער טאטע:** מיין קינד, די פאָר קלייניקייטן וואס איך האב געבעטן אז דו זאלסט קויפן האסטו נישט געקענט ברענגען מיט דיינע הענט, דו דארפסט מען זאל עס דעליווערן? **דו ביסט געווארן אזוי פויל?**

זאגט דאס קינד:

## טאטי: דו וועסט באלד אלעס פארשטיין

**שפעט נאכמיטאג הערן זיי א קלינג אין די טיר:** זיי קוקן ארויס, און זיי זעען פינף טראקס פיל מיט סחורה, און זיי לייגן עס אראפ פארנט פון זייער הויז. דער טאטע איז ארויס און פרעגט זיי וואס איז דאס? זאגן זיי אז זיי דארפן עס דעליווערן דא. פרעגט דער טאטע, 'ענק זענען זיכער?' איך האב גארנישט באשטעלט. דער טאטע גיבט א קוק אויפן צעטל, און ער זעט זיין קינד'ס נאמען.

## דבר הגליון

ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה, אחר בקשת הרבים להתחיל להפיץ הכתבים שיש לי מהשיעורים, שאני אומר בס"ד בחבורת שבת אחים, ואמרו שיש בזה תועלת גדול, ובפרט אחר ששמעתי מהרבה מרביצי תורה שלקחו חלק מהכתבים שכתבתי כבר מזמן ונתנו להתלמידים והיה בזה תועלת רבה, וגם לרבות דכשמדברים אם השפה של היום אז זה מרגיש שמדברים לו, ממילא אם הודאה על העבר ובקשה על העתיד אני מתחיל בעזהי"ת להפיץ הגליון בס"ד וחפץ ה' בידינו יצליח.

### אם אין קמח אין תורה

וכאן הקריאה יוצא למי שנדבו ליבו לעזור אם ההוצאות, לרגל השמחה, או לע"נ שההוצאות עולה להרבה כסף ופרוטה לפרוטה מצטרפת.

**מחיר ההנצחות**

לע"נ וכדו' $50
ולנדב כל הגליון $200

**פטרון השבוע**
**נתנדב ע"י**
**הרה"ח הרבני הנגיד**
**ר' אברהם פאזנער**
**שליט"א**
**לע"נ האור החיים הק'**
**זכיתו יגן עליו ועל בני ביתו**

**י"ל ע"י**
**לוי יצחק שנעק**
להערות ולנדבות, ולכל עניני הגליון ולקבלת העלון בדוא"ל יכולן לפנות בכתובות
1965 60th st Brooklyn N.Y. 11204.
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com
ולקבל הגליון יש לחקור יכולן לפנות לכתובות דוא"ל
1818yesh@gmail.com
708-929-1818

**יעצט האט ער געכאפט וואס דא גייט פאר:** זיין קינד, אנשטאט ער זאל קויפן די פאר קליינקייטן, האט ער באשטעלט סחורה אין די ווערד פון **פופציג טויזנט דאלער.**

דער טאטע האט גערופן זיין קינד און אנגעהויבן צו שרייען............

## דו ביסט נארמאאאאאאאאאל????!!!

פארוואס האסטו געקויפט דאס אלעס? וואס וועל איך טון מיט די אלע סחורה?

**זאגט דאס קינד:** טאטי איך פארשטיי נישט? פארוואס ביסטו אזוי אויפגערעגט? פונקט פארקערט, דו דארפסט זיין אזוי פרייליך, ווייל דו האסט מיר געבעטן צו קויפן נאר אפאר קליינקייטן, און איך האב געקויפט סחורה אין די ווערד פון פופציג טויזנט דאלער.

**זאגט דער טאטע:** מיין טייער קינד, **איך בוי נישט קיין הויז.** וואס????? וועל איך טון מיט די אלע סחורה! עס וועט מיר נאר קאסטן דאס אוועקצונעמען.

**זאגט דאס קינד:** טאטי איך פארשטיי נישט, דו ווייסט אז פאר די פופציג טויזנט דאלער האב איך זייער שווער געארבעט.

## און איך האב דאס אלעס אוועקגעגעבן פאר דיר!!!!!

**זאגט דער טאטע:** מיין טייער קינד, איך מיין אז עס פעלט דיר שכל, פארוואס קויפסטו זאכן וואס איך דארף נישט האבן. נישט נאר דאס, **דו גיבסט אויס אויף דעם פופציג טויזנט דאלער!!!!!!!!!!**

## ווער איז גערעכט?

אוודאי דער טאטע, ס'איז אמת אז דאס קינד האט אויסגעגעבן פופציג טויזנט דאלער... אבער דאס איז נישט קיין מעלה נאר א חסרון, ווייל וואו איז דיין שכל??? פארוואס גיבסטו אויס פופציג טויזנט דאלער פאר סחורה וואס איך דארף נישט, און ס'וועט מיר נאך קאסטן געלט ארויסצוווארפן...

## זייער א שיינע מעשה, אבער ווי קומט עס אהער???

איך וועל דיר מסביר זיין. דער אגרא דכלה שרייבט, אז די וואס האבן פארשעמט פינחס'ן זענען נישט געווען סתם קינדערגארטן קינדער, וואס האבן אים געוואלט סתם טשעפענען אז זיין זיידע איז געווען אן עובד עבודה זרה... [ווייל ער האט זיי געקענט אסאך בעסער צוריקשטעכן, ביי מיר איז עס געווען מיין זיידע, און ענק אליין האבן געדינט עבודה זרה ביי די מעשה פון די עגל], נאר וואס דען? זייער טענה איז געווען אז די גאנצע מסירת נפש וואס פינחס האט געהאט

## איז גארנישט ווערט!!!!

פארוואס? ווייל דאס איז זיין טבע... ער איז אן אייניקל פון יתרו, וואס איז געווען אן עובד עבודה זרה, און ער האט באקומען בירושה א טבע פון רציחה, ממילא אז ס'איז געווען א געלעגנהייט האט ער עס געקענט טון, אבער וויבאלד ס'איז נישט געווען קעגן זיין טבע איז עס נישט קיין שום מדריגה...

## אין הימל איז מען מחשיב נאר איין זאך, וואס דאס הייסט יגיעה!!!

ממילא אפילו ער האט זיך מוסר נפש געווען, ווייל מ'האט אים געוואלט הרג'ענען, וואס בפשטות איז דאס זייער א גרויסע מדריגה, אז ער איז געווען גרייט זיך מוסר נפש צו זיין צו ראטעווען כלל ישראל... אבער, האבן די שבטים גע'טענה'ט, דאס איז נישט קיין מדריגה, ווייל ער האט אין זיך א טבע פון רציחה, ממילא איז די מעשה רציחה נישט געווען קעגן זיין טבע, ממילא דארף ער נישט באקומען קיין שום שכר...

## וואס איז טאקע די תירוץ אויף די טענה?

ווענן דעם זאגט די פסוק, אז ער איז געווען אן אייניקל פון אהרן הכהן, אבער נישט סתם אז ער איז אן אייניקל, ווייל דאס האט יעדער געוויסט, נאר אז ער האט געהאט אין זיך די טבע פון אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, דאס איז געווען זיין מהות, זיין מציאות, ממילא דאס וואס פינחס האט זיי גע'הרג'עט דאס איז געווען קעגן זיין טבע, ממילא בדין הוא שיטול שכרו, ווייל איינער וואס טוט א זאך קעגן זיין טבע איז מורא'דיג חשוב אין הימל, און דאס מיינט אן עובד ה' ווייל ער טוט נישט וואס ער וויל, נאר ער טוט דאס וואס דער באשעפער וויל.

## אינו דומה שונה פרקו מאה פעמים למאה פעמים ואחד

אזוי שטייט אין גמרא [חגיגה ט:], אז ס'איז בכלל נישט קיין פארגלייך איינער וואס לערנט א גמרא 100 מאל, צו איינער וואס לערנט עס 101 מאל. וואס איז פשט טאקע, פארוואס איז עס בכלל נישט קיין דמיון??? ער האט דאך געלערנט די גמרא 100 מאל, דו ווייסט ווי שווער עס איז צו לערנען 100 מאל א גמרא. זאגט דער אגרא דכלה בשם דער בעל התניא, ווייל אמאל פלעגט יעדער לערנען א זאך 100 מאל, איז ביז 100 מאל איז עס גארנישט געווען קיין קונץ, ווייל יעדער לערנט עס דאך 100 מאל, אבער די איין מאל מער וואס איז קעגן די טבע, דאס מאכט אז עס זאל 'בכלל' נישט זיין קיין פארגלייך, אויף אזוי ווייט אז עס שטייט אינו דומה.

## און דאס איז דא היינט אויך......

ס'שטייט אין תהלים [קו, ל-לא] ויעמוד פינחס ויפלל ותעצר המגיפה, ותחשב לו לצדקה לדור ודור עד עולם. פרעגט דער תפארת שלמה, אז אהרן הכהן האט דאך אפגעשטעלט די מגיפה ביי די מעשה פון קרח, איז פארוואס העלפט נישט די זכות פון אהרן אפצושטעלן די מגיפה לדורי דורות? נאר, ווייל צו מקריב זיין קטורת דארף מען א בית המקדש, און דאס איז היינט נישט דא... אבער

## ביי פינחס וואס ער האט אפגעהאלטן די מגיפה איז געווען...

התגברות, דאס איז דא היינט, אבער נישט סתם, נאר זייער אסאך ביי שריט און טריט, ממילא אז דו זוכסט א סגולה קעגן א מגיפה האסטו עס געטראפן אין די פרשה פון די וואך, און ווי עס שטייט אין תהלים: ותחשב לו לצדקה לדור ודור עד עולם, ווייל דאס קען מען היינט אויך, און אסאך מער ווי אמאל.

## דאס איז אונזער גרעסטער חיזוק!!!!

אין הימל איז נאר דא איין זאך וואס מ'איז מחשיב, יגיעה...... ווי שווער עס קומט אן, אלץ חשוב'ער איז עס... און די ראיה דערצו איז פון פינחס, ווייל די זעלבע מעשה, אויב וואלט פינחס געהאט די טבע פון זיין זיידע אויף רציחה, כאטש ער האט זיך למעשה מוסר נפש געווען, אבער אויב גייט עס נישט קעגן זיין טבע האט עס בכלל נישט די זעלבע חשיבות, און אויב איז מען זיך מתגבר קעגן די טבע דעמאלס איז עס זייער זייער חשוב אין הימל, און דאס האט גערעטעוועט כלל ישראל......

### בקיצור למעשה

היינט איז דא איין טענה וואס מ'הערט טאג איין טאג אויס, ס'איז זייער שווער, איך האב נישט קיין נערוון, ס'איז נישט געמאכט פאר מיר וכדומה. פארוואס זאגט מען אזוי? ווייל מען מיינט אז ס'וואלט ווען געדארפט זיין אז מ'זאל האבן נערוון... געדולד... געשמאק... חשק... וכו', און אויב האב איך נישט, מיינט עס אז עפעס טויג נישט מיט מיר, און לערנען-דאווענען, און זיין אן עובד ה' איז נישט פאר מיר.

### אבער ונהפוך הוא

ס'איז פונקט פארקערט, אין הימל קוקט מען אויף איין זאך, און דאס הייסט יגיעה, **וויפיל יגיעה האסטו אריינגעלייגט.** דא הייבט זיך עס אן און דא ענדיגט זיך עס, און די ראיה איז פון אונזער פרשה, ווייל די מציאות איז געווען אז פינחס האט זיך מוסר נפש געווען צו הרג'ענען זמרי בן סלוא און כזבי בת צור, נו, נאך אזא מסירת נפש וואלט דאך יעדער געדארפט פארשטיין אז פינחס איז א העלד, מ'דארף אים באלוינען, שטייט אבער אז די מציאות איז נישט אזוי געווען, פארוואס? ווייל זייער טענה איז געווען אז דאס איז אלעס געווען זיין טבע, ממילא קומט אים גארנישט קיין קרעדיט פאר דעם, און פון ווי ווייס איך אז זייער טענה איז געווען א גוטע טענה? ווייל די פסוק האט געדארפט שרייבן אז ס'איז יא געווען קעגן זיין טבע, און ממילא קומט זיך אים שכר.

### קענסט נעמען די טעסט ביי דיר אינדערהיים

דו ווילסט וויסן אויב דיין עבודה איז חשוב, קוק אויב עס איז שווער, טאמער יא מוז זיין אז עס איז חשוב, ווייל נאר..... דאס איז ווערד דארטן